**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/9/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון NAACP באפעלאו הויפטקווארטיר אין באפעלאו׳ס מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר

***הויפטקווארטיר צו ווערן אוועקגעשטעלט אין באפעלאו׳ס היסטארישע און קולטורעל-רייכע איסט סייד***

***פראיעקט ביי די נעש לאָפטס געביידע דערגאנצעט גאווערנער האקול׳ס פארשפרעכונג צו ווידער-אויפלעבן ניו יארק׳ס שטעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דער פארענדיגונג פון דער נאציאנאלע אסאסיעשען פאר פאראויס-פירן קאלירטע מענטשן׳ס (NAACP) באפעלאו הויפטקווארטיר אין די נעש לאָפטס, א נייע-רענאווירטע געביידע קארידאר אין באפעלאו׳ס מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר. די אפיס פלאץ ווערט צוגעשטעלט פאר אומזיסטע רענט דורך דער דעוועלאפער, אינאיינעם מיט אומזיסטע פּאַרקינג פאר באזוכער צו דעם קארידאר. נעש לאָפטס, א 6 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט, איז א 40,000 סקווער-פיסיגע געמישטע-באניץ בנין וועלכע עס וועט אנטהאלטן 18 נייע דירות, קאמערציעלע פלאץ, פּאַרקינג און א רעסטוראנט. דער פראיעקט פונקציאנירט אלס אן ארייננגאנגס פונקט צו דער מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער קארידאר, וועלכע עס איז נאציאנאל — און אינטערנאציאנאל — באקאנט אלס א געגנט וואס סערווירט אלס די צענטער פונקט פאר איינוואוינער און באזוכער פאראינטערעסירט אין זיך לערנען איבער באפעלאו׳ס רייכע היסטאריע דורך אירע היסטארישע קאמיוניטי, געשעפטן, רעסטוראנטן, ארכיטעקטור, מענטשן, און אינסטיטוציעס.

"איך שטאלציר מיך אויפצונעמען דער NAACP צו איר נייער היים אין באפעלאו׳ס מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער קארידאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דאס אויפריכטן פון די נעש לאָפטס איז א הויפט טריט אין פארשטערקערן דעם היסטארישן געגנט און וועט מאכן דעם פערפעקטן היים פאר די NAACP אין דער צייט וואס עס זעצט פאר ווייטער צו קעמפן פאר גלייכבארעכטיגקייט, יוסטיץ און א בעסערע צוקונפט פאר אונז אלע."

**ליוטענאנט גאווערנער בריען בענדזשאמין האט געזאגט**, "איך בין אנגעפילט מיט עקסטאז אז דער NAACP האט געפונען איר נייע הויפטקווארטיר אין דעם היסטארישן געגנט. איצט מער ווי אלעמאל איז וויכטיג אז מיר זאלן צושטעלן אומגעשטערטע צוטריט צו הילפס-מיטלען וועלכע גרופעס ווי די NAACP שטעלן צו פאר אונזערע באזייטיגטע קאמיוניטיס. איך קוק ארויס צו זעהן ווי דער NAACP זעצט פאר ווייטער צוצוגעבן צו באפעלאו׳ס דעוועלאפמענט און קולטור."

פאר איבער א יארהונדערט האט דער NAACP געארבעט צו פארזיכערן די פאליטישע, בילדונג, סאציעלע און עקאנאמישע גלייכבארעכטיגקייט פון אלע מענטשן און צו עלימינירן ראסע-באזירטע דיסקרימינאציע. לעצטנסדיגע אינצידענטן פון פאליציי ברוטאליטעט, דעם קאמף קעגן קאָוויד-19, און ווילער דערשטיקונג האבן געטריבן דעם NAACP צו צושטערן אומגלייכקייט, צונעמען ראסיזם, און

פארשנעלערן ענדערונג אין הויפט געביטן קרימינאלע יוסטיץ, העלטקעיר, בילדונג, קלימאט און דער עקאנאמיע.

**NAACP באפעלאו ברענטש פרעזידענט רעווערענד מארק בלו האט געזאגט**, "דער NAACP איז דאנקבאר פאר דער געלעגנהייט צו האבן אירע אפיסעס פלאצירט אין די נעש לאָפטס. די רענאווירטע היסטארישע געביידעס וועלן אונז דערמאנען איבער דעם עבר אבער וועלן אונז אויך ערמעגליכן צו אנערקענען דעם צוקונפט פון די לעבהאפטע אפרא-אמעריקאנע העריטעדזש קארידאר. מיר דאנקען גאווערנער האקול, מעיאר בראון און אלע סטעיט און ארטיגע באאמטע וועלכע האבן ערמעגליכט דאס אריבערציען פון דער NAACP צו איר נייע הויפטקווארטיר."

די היסטארישע באדייט פון די געביידעס ביי 163-167 בראדוועי און 64 נעש (פון בערך די 1820׳ער און 1880׳ער יארן) בלייבט אן איינדרוקספולע דערמאנונג פון ניו יארק׳ס פארצווייגטע און באאיינפלוסנדע היסטאריע. דער מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר, וועלכע עס געפונט זיך אין הארץ פון באפעלאו אין די עליקאט דיסטריקט הארט מזרח פון די דאונטאון קערנדל, איז א רייכע און קולטורעל מערקווירדיגע ארט פאר סיי די אפרא-אמעריקאנער קאמיוניטי און סיי די ברייטערע באפעלאו-ניאגארא ראיאן.

דער פראיעקט טוהט אויפריכטן פיר געביידעס וועלכע זענען שוין געשטאנען ליידיג איבער 15 יאר. עס אנטהאלט 18 יוניטס פון געמישטע איינקונפט דירות, א פול-סערוויס מינאריטעט און פרויען-באזיצטע רעסטוראנט און קולטורעלע ארט, קאמערציעלע פלאץ אויף ארויסצודינגען, אריינגערעכנט פלאץ ספעציפיש געאייגנט פאר מינאריטעט און פרויען-באזיצטע ביזנעסער און פארשטייער טענאנטן פון די קאמיוניטי. דער גאנצער פראיעקט וועט דערמוטיגן דזשאָב שאפונג און ביזנעס אינוועסטירונג אין א געגנט וואס האט געזעהן א באדייטנדע אונטערגאנג אין אינוועסטירונג אויף איבער 50 יאר.

**סטיווען קארמינע, פארוואלטונג מיטגליד פון מישיגען בראדוועי על-על-סי, האט געזאגט**, "אין נאמען פון די גאנצע מישיגען בראדוועי על-על-סי אייגנטימער גרופע וויל איך באדאנקען גאווערנער קעטי האקול, ליוטענאנט גאווערנערברייען בענדזשאמין, מאיאריטעט פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס, סענאטאר טים קענעדי, קאנגרעסמאן ברייען היגינס, מעיאר בייראן בראון, און קאונסיל פרעזידענט דאריוס פרידזשען פאר׳ן גלויבן אין דעם פראיעקט זינט 2015. דאס איז געווען אן ארבעט פון ליבע פאר אונזער אייגנטימער גרופע און מיר זענען באגייסטערט צו זיין דא היינט פאר אן ערשטן בליק אויף די ערשטע צען דירות און די נייע היים פון דער NAACP. דער פראיעקט וואלט נישט מעגליך געווען אן די איבער איין מיליאן דאלער אין גרענטס פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט. מיר קוקן ארויס אויף אנצוהויבן ארויסצודינגען יוניטס, אנגעהויבן דעצעמבער 1, צו די ארבעטסקראפט פון אונזער שטאט."

פאַנדינג פאר די נעש לאָפטס רעכנט אריין א 610,000 דאלעדיגע קאפיטאל גרענט פון ESD׳ס איסט סייד קארידאר עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנד, 450,000 דאלער דיגע קאפיטאל גרענט פון די מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג ראט (WNYREDC), א 750,000 דאלערדיגע בריק לאָון פון די באפעלאו אינער-שטאטישע אנטוויקלונג קארפארעישען (BUDC) און אומגעפער 1.7 מיליאן דאלער אין היסטארישע טעקס קרעדיטס פון ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג. דער פראיעקט באקומט אויך א סעילס טעקס און מאָרטגעדזש טעקס עקזעמפשען דורך די ECIDA.

**קעווין יוניס, ESD טשיעף אפערעיטינג אפיסער און עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער האט געזאגט,** "מיר פייערן דער עפענונג פון די NAACP אפיסעס אין די נעש לאָפטס, א בנין וואס האט געדינט אלס א וויכטיגע אנקער פאר באפעלאו׳ס מישיגען עוועניו אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר - א טוריסט

דעסטינאציע און צונויפקום ארט פאר די וועלכע ווילן דערשפירן דער שטאט׳ס רייכע אפרא-אמעריקאנער היסטאריע."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קולעסייד האט געזאגט**, "די היסטארישע טעקס קרעדיטס וועלכע האבן געהאלפן שטיצן דעם פראיעקט שפיגלען אפ א הויפט מיסיע פון פארקס צו באשיצן און פרעזערווירן די סטעיט׳ס היסטארישע לעגעסי. דא אין דעם באפעלאו ראיאן זינט דער טעקס קרעדיט פראגראם איז פארברייטערט געווארן אין 2010, האט דאס באניץ פון קרעדיטס צוגעצויגן איבער 1 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג אין דער שטאט׳ס היסטארישע רעסאָרסעס. אין לעצטערע יארן האבן זיך די בענעפיטן פון די קרעדיטס זיך פארשפרייט פון די דאונטאון קערנדל אויף קלענערע פראיעקטן אויף איר איסט סייד. אזעלכע קרעדיטס קענען שפילן אן ווייטערדיגע ראלע צו שטיצן אנגייענדע דעוועלאפמענט לענגאויס און נעבן די מישיגען עוועניו קארידאר וועלכע עס האט פארטרעטן די פארגאנגענהייט, דער איצטיגער צייט, און דעם צוקונפט פון דעם שטאט׳ס אפרא-אמעריקאנער קאמיוניטי."

די נעש לאָפטס פראיעקט איז איינע פון פילע פראיעקט וועלכע ביישטייערן צו דאס ווידער-אויפלעבן פון באפעלאו׳ס איסט סייד. ניו יארק סטעיט׳ס איסט סייד קארידאר עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנד (ESCEDF) גיבט פאָנדינג אין סך הכל פון 50 מיליאן דאלער צו אינוועסטירן אין די פיר הויפט קאמערציעלע קארידארן פון באפעלאו׳ס איסט סייד: מישיגען, דזשעפערסאן, פילמאר, און בעילי עוועניו. פאָנדינג וועט העלפן אויפלעבן טראדיציאנעלע מעין סטריטס און קאמערציעלע קארידארן דורך פרעזערווירן היסטארישע געביידעס און אונטערשטיצן געמישטע-באניץ פריוואטע אינוועסטירונג; פינאנצירן קאפיטאל פארבעסערונגען אין געגנט אייגנשאפטן; פארברייטערן קאמערציעלע געלעגנהייטן און דערמוטיגן און פארשטערקערן פיסגיין; און פארבעסערונגען צו אינפראסטרוקטור אין די געגנטער. דער פאָנד דערגאנצעט פריערדיגע אינוועסטירונגען אין די איסט סייד פון 10 מיליאן דאלער פאר די געגנט סטאביליזירונג איניציאטיוו און 5 מיליאן דאלער פאר די באפעלאו צענטראל טערמינאל, פאר א סך הכל פון 65 מיליאן דאלער אין אינוועסטירונג זינט 2017. טרעפט מער איינצלהייטן איבער די אינוועסטירונגען אין דער איסט סייד קארידאר עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנד העפטל [דאָ](#).

**טערי עלפארד, עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר קאמיסיע, האט געזאגט**, "מיר זענען זייער באגייסטערט און דערפרייידט אז אונזער ארטיגע NAACP ציעט זיך צוריק אריין אין אונזער העריטעדזש קארידאר. דאס איז אונז ספעציעל וויכטיג צוליב דעם וואס דער NAACP׳ס נייע אפיס איז נישט מער ווי א פאר טריט פון וואו נאציאנאלע יוסטיץ טשעמפיאן מערי טעלבערט׳ס היים איז אמאל געשטאנען. עס האט ארויסגעשטארצט הארט נעבן דעם מישיגען סטריט בעפטיסט טשורטש, איינע פון די לעצטע סטאנציעס פון דער ׳אָנדערגראָונד רעילראָוד׳ און עס איז וואו, אין 1905, פראמינענטע אפרא-אמעריקאנע ציווילע רעכטן אינטעלעקטועלן, אריינגערעכנט איקאנישע פערזענליכקייטן ווי דאבליו.אי.בי. דו-באוס און וויליאם מאנראו טראטער, אינאיינעם מיט די לענגסטע סערווירנדע פאסטאָר פון דער קירכע, רעוו. דזשעי. עדווארד נעש, האבן געגרונדעט דער ניאגארא באוועגונג, דער פארגייער פון דער NAACP. מיר שפירן זיך ווי זיי זענען צוריק געקומען אהיים."

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט**, "אונטער די אויסגעצייכנטע פירערשאפט פון רעווערענד מארק בלו, האט דער NAACP באפעלאו צווייג פארגעזעצט ווייטער אראפצוברעכן די צוימען פון אומרעכט און איבערשפאנען דעם איבערנייס אין ראסע און סאציעלע גלייכבארעכטיגקייט וועלכע איז נאך אלס טיף איינגעבאקן אין אונזער גאנצער קאמיוניטי. די נייע הויפטקווארטיר, פאסיג פלאצירט אינערהאלב די היסטארישע מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער קארידאר, וועט ווייטער טרייבן זייער מיסיע צו בויען א שטערקערע, און מער אריינגעמיגער צוקונפט, און אין דער זעלבער צייט פארעהרן די היסטאריע און לעגאט פון באפעלאו׳ס אפרא-אמעריקאנער קאמיוניטי."

**מאיאריטעט אסעמבלי פירער קריסטאל פעאפלעס-סטאוקס האט געזאגט**, "עס גיבט מיר גרויס כבוד אויפצונעמען די NAACP צו איר נייע באפעלאו הויפטקווארטיר אין די שטאט׳ס אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר. די קאנסטרוקציע פארענדיגונג פון די 6 מיליאן דאלערדיגע געמישטע-באניץ האָוזינג דעוועלאפמענט אויפריכטונג פראיעקט ביי דער נעש לאָפט געביידע סערווירט אלס א שיינענדע מוסטער פון געוואלדיג גוטע באניץ פון ארטיגע און סטעיט מיטלען צו העלפן ווידער-אויפלעבן אונזער קאמיוניטי דורך באזארגן צוגענגליכע האָוזינג צו איינוואוינער און קאמערציעלע פלאץ און געלעגנהייטן פאר מינאריטעט און פרויען ענטרעפענורס. איך אפלאדיר דער ניו יארק אפיס פון פארקס, מישיגען בראדוועי על-על-סי און אלע אנדערע קאמיוניטי סטעיקהאָלדערס וועמענס פירערשאפט האט ביישטייערט צו מאכן דעם פראיעקט א ווירקליכקייט."

**שטאט באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט**, "דער פארענדיגונג פון די נייע אפיסעס פאר די באפעלאו אפטייל פון דער NAACP איז נאך א גרויסע טריט פאראויס פאר די ווידער-אויפלעבונג פון די היסטארישע אפרא-אמעריקאנע העריטעדזש קארידאר. די NAACP׳ס נייע היים ביי די נעש לאָפטס ווידער-באהעפט דעם פלאץ׳ס פארגאנגענהייט אלס א קריטיש-וויכטיגע לאקאציע פאר׳ן ׳אָנדערגראָוּנד רעילראָוד׳ און ציווילע רעכטן באוועגונג. איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו באפעלאו׳ס איסט סייד און דער היסטארישער קארידאר."

**שטאט באפעלאו קאָמאָן קאָונסיל פרעזידענט דעריוס פרידזשען האט געזאגט** "דער NAACP קומט אהיים צו דער אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר. מיר נעמען זיי אויף מיט צופרינדהייט אין דער צייט וואס דער גאנצער שטאט באפעלאו ארבעט דאס צו מאכן א געגנט וואו מיר קענען געדענקן אונזער אפרא-אמעריקאנער היסטאריע, אנערקענען אונזער מוזיק און קולטור, און קומען זיך צונויף אלס א קאמיוניטי צו שטיצן און ערנערן איינער דעם אנדערן — און אזוי ארום שאפן א ליכטיגערע צוקונפט."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנצארז האט געזאגט,** "דער NAACP׳ס נייע ארט אין די נעש לאָפטס איז נאך א געוואונשענע צייכן פון דעם ווידער-אויפקום פון די מישיגען סטריט אפרא-אמעריקאנער העריטעדזש קארידאר און די נייע ענערגיע וואס טוהט אויפלעבן באפעלאו׳ס איסט סייד. פלאצירט אין היסטארישע און הערליך אויפגעראכטענע געביידעס ביי בראדוועי און נעש, גיבט די נייער הויפטקווארטיר און דערנעבנדע פלעצער אין דער 6 מיליאן דאלערדיגע נעש לאָפטס אויפריכטונג פראיעקט מער לעבהאפטקייט צו דעם געגנט מיט א בליק פאר׳ן צוקונפט."

**מער אינפארמאציע איבער די באפעלאו NAACP קען מען געפונען** דא.

**מער אינפארמאציע איבער נעש לאָפטס קען מען געפונען** דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן